**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ

## חיזוק פאר די וואך

בָּדָד יֵשֵׁב מִחוּץ לַמַּחֲנֶה מוֹשָׁבוֹ

בעזרת השי"ת ▪ תזריע/מצורע תש"פ ▪ גליון עג'

# פארוואס האט א מצורע זיך געדארפט אזוי דערווייטערן פון אנדערע מענטשן?

### די מוסר השכל וואס מיר לערנען זיך ארויס פון דעם בזמנינו

**פרשת תזריע** און **מצורע** זענען צוויי פרשיות וואס איינס איז משלים די צווייטע. אין פרשת תזריע, ווערט אויסגעשמועסט בעיקר ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען דער גאנצע ענין פון א נגע, פון ווען דער איד האט דאס באמערקט ביז ווען דער כהן האט אים געזאגט "ר' איד, דו ביסט טמא!" אין פרשת מצורע, איז דער תורה ממשיך מיט וואס האט פאסירט דערנאך, פון ווען דער איד איז געווארן טמא (א מצורע מחולט) און באקומען דעם ביטערן נאמען "מצורע" ביז ווען ער איז געווארן טהור ומותר לבא בקהל!

ווען מיר וועלן אדורכלערנען די פרשה מיט אירע פרטים, וועלן מיר זיך אליין פרעגן, "וואס האט מען געוואלט פון א מצורע? פארוואס איז זיין טומאה געווען אזוי פיל הארבער פון אלע אנדערע טומאות?" אזוי אויך, "פארוואס איז זיין טהרה געווען אזוי פיל אנדערש פון די אלגעמיינע טהרות?"

דאס ברענגט אונז צו דעם געוואלדיגן מוסר השכל בזמנינו אלה, בזמן הגלות כאשר הצרות והמחלות מתרבות בכ"י רח"ל און יעדע אידיש הארץ וויל זיך פארבעסערן און מתקן את אשר עוות...

## לאמיר לערנען א פסוק חומש, און באקומען חיזוק פאר די וואך....

וואס האט פאסירט מיט א **מצורע**?
דערציילט אונז די תורה אין **פרשת תזריע**.

**אִישׁ צָרוּעַ הוּא, טָמֵא הוּא, טַמֵּא יְטַמְּאֶנּוּ הַכֹּהֵן, בְּרֹאשׁוֹ נִגְעוֹ.** (ויקרא יג' מד)

די פסוק זאגט ביי א נגע שבראשו (און ווי רש"י איז מסביר אז ביי יעדע נגע איז עס די זעלבע) **אִישׁ צָרוּעַ הוּא, טָמֵא הוּא**, זאלסט וויסן אז ער איז א קרעציגע מענטש, ער איז א טמא'נע און דער כהן זאל אים מטמא זיין!

**וואס פאסירט דערנאך?** זאגט דער פסוק ווייטער: **בְּגָדָיו יִהְיוּ פְרֻמִים, וְרֹאשׁוֹ יִהְיֶה פָרוּעַ** (פסוק מה), זיינע קליידער זאלן זיין צוריסן און זיין האר פון קאפ זאל זיין באוואקסן. **וְעַל שָׂפָם יַעְטֶה**, זיין טלית אויפן קאפ זאל זיין איבערגעבויגן ביז זיין מויל, אזוי ווי אן אבל, (דהיינו אפי' גריסן טאר ער נישט). **וְטָמֵא טָמֵא יִקְרָא**, ער זאל אויסרופן "איך בין א טמא'נע מענטש", אז אנדערע זאלן וויסן זיך צו דערווייטערן פון אים. (רש"י)

**לאמיר גיין א טריט ווייטער:** נישט נאר אז ער דארף אויסקוקן ווי א מאדנע דעפרעסט"ע מענטש[א], נאר **כָּל יְמֵי אֲשֶׁר הַנֶּגַע בּוֹ יִטְמָא, טָמֵא הוּא, בָּדָד יֵשֵׁב...** די גאנצע צייט וואס ער האט די נגע אויף זיך, איז ער טמא און ער דארף זיצן אינגאנצן אליין. (אפי' אנדערע טמאים טארן אויך נישט זיצן נעבן אים) **מִחוּץ לַמַּחֲנֶה מוֹשָׁבוֹ**, ער דארף זיצן אינדרויסן פון אלע דריי מחנות, וואס דאס איז אסאך הארבער פון סיי וועלכע טמא'נע מענטש...

ווי דער תורה זאגט: **צַו אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וִישַׁלְּחוּ מִן הַמַּחֲנֶה כָּל צָרוּעַ וְכָל זָב וְכֹל טָמֵא לָנָפֶשׁ** (במדבר ה' ב), עס זענען דא דריי טמא'נע מענטשן וועמען מען דארף ארויסשיקן פון די מחנה: **א מצורע, א זב**, און **א טמא מת**.

אבער נישט אלע זענען גלייך, ווי רש"י איז מסביר[ב]: דער **טמא מת** איז נאר ארויסגעשיקט געווארן פון די ערשטע מחנה, "מחנה שכינה", אבער אין די אנדערע צוויי מחנות האט ער נאך געמעגט זיין. דער **זב** איז שוין אביסל הארבער, ער האט שוין נישט געמעגט זיין אפי' אינעם צווייטן מחנה, "מחנה לויה", אבער פארט האט ער נאך געמעגט זיין אין מחנה ישראל, מיט זיינע ברודערס. ווידער דער **מצורע**, איז געווארן ארויסגעשיקט פון אלע דריי מחנות, ער האט אפי' נישט געמעגט זיין אין די דריטע מחנה, "מנחה ישראל", ער האט געמוזט זיין איינער אליין, אינגאנצן אינדרויסן פון אלע דריי מחנות.

---

[א] עי' באבן עזרא שהביא שפי' פרומים, כמו **קרועים**, "להכירו ללכת במנהג משונה".
[ב] רש"י שם ד"ה **וישלחו מן המחנה** לפי סוגיות הגמרא פסחים סז.



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פארבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

שטעלט זיך דער קשיא,

## פארוואס מוז די מצורע זיין אינדרויסן פון אלע "דריי" מחנות?

אזוי אויך, דארפן מיר פארשטיין די עצם טומאה פון א מצורע. פארוואס איז זיין טומאה געווען אזוי חמור, פיל מער פון אלע אנדערע טומאת? ווי דער רמב"ם שרייבט[ג]: ער האט נאך א חומרא מיט זיך. (חוץ אז וואס און וועמען ער רירט אן ווערט טמא, ווי א זב און א זבה.) מיט זיין עצם אריינגיין אין א שטוב, אפי' ער רירט גארנישט אן, ווערט טמא אלעס וואס איז אונטער איין דאך מיט אים. (א זאך וואס ווערט געזאגט נאר ביי א "אבי אבות הטומאה", א מת אליין.) דאס הייסט, דער מצורע איז געווען דער שטארקסטע טומאה פון אלע טומאות וואס איז נאר פארהאן ביי א מענטש. וואו ער איז נאר געגאנגען, האט ער מטמא געווען. און טאקע דערפאר, איז מען אייביג געשטאנען ווייט פון א מצורע.

עד כדי כך, שרייבט דער רמב"ם: אויב מען האט געזעהן אז א מצורע קומט אין ביהמ"ד, האט מען שנעל געבויט א מחיצה פון 10 טפחים הויך און ד' על ד' אמות ברייט, (אזא קליין צימערל), און אים געהייסן שנעל אריין גיין דארט איידער דער עולם קומט אן. מען האט אים געווארנט אז ער זאל נישט ארויסקומען ביז ווען דער עולם צוגייט זיך און קיינער איז מער נישט דא. און אודאי נישט פארברענגען מיט זיי.

אפי' ווען ער איז שוין געזעצן חוץ למחנה, אויב איז ער געזעצן אונטער א בוים און א טהור'ע מענטש איז אדורך אונטער די בוים, איז יענער באלד טמא געווארן[ד]. דערפאר, האט ער אליין געדארפט שרייען פאר ווער עס קומט נאנט צו אים, "איך בין טמא! שטיי ווייט פון מיר!"

שטעלט זיך דער קשיא,

## פארוואס איז די טומאה פון א מצורע אזוי אנשטעקיג?

~

איידער מיר זענען ממשיך מיטן מצורע...

## לאמיר זיך א רגע מתבונן זיין!

בזמנינו האלה שנת תש"פ, בו בזמן וואס מיר געפונען זיך אינדערמיט פון דעם ביטערע מחלה הידוע בשם קרונ"ו בלע"ז, איז דער פרשה גאר גוט באקאנט פאר אונז! אזויפיל חלקים וואס שפילט זיך ליידער אפ בזמנינו האלה! אפי' נאר די ווערטער פון די אויבערדערמאנטע רמב"ם...

"אויב האט מען געזעהן אז ער קומט אין ביהמ"ד, האט מען שנעל געבויט א מחיצה פון **10** טפחים הויך און ד' על ד' אמות ברייט, (אזא קליין צימערל), און אים געהייסן שנעל אריין גיין דארט איידער דער עולם קומט אן און אים געווארנט **אז ער זאל נישט ארויסקומען ביז ווען דער עולם צוגייט זיך און קיינער איז מער נישט דא. און אודאי נישט פארברענגען מיט זיי!**"

**וִישַׁלְּחוּ מִן הַמַּחֲנֶה:** מיר זענען טאקע נישט פארשיקט געווארן פון אונזערע הייזער, אבער יא פון אונזערע הייליגע הייזער! מיר טארן זיך נישט צוזאמנעמען, נישט אין אונזערע ישיבות און נישט אין אונזערע בתי מדרשים, מיר דארפן זיין איזאליר"ט רח"ל.

**וְעַל שָׂפָם יַעְטֶה:** ווי דער אבע"ז טייטשט: ער זאל צודעקן זיין מויל, "שלא יזיק ברוח פיו". אזוי אויך, היינט צוטאגס, מוזן מיר אלע גיין מיט א צודעק אויפן מויל, "שלא יזיק ברוח פיו".

**וְטָמֵא טָמֵא יִקְרָא:** ער דארף אויסרופן "איך בין א טמא'נע מענטש, דערווייטער זיך פון מיר". אזוי אויך, היינט צוטאגס, דארפן מיר זיך ליידער דערווייטערן איינער פונעם צווייטן כאטש זעקס פיס...

... אזוי אויך, היינט צוטאגס, דארפן מיר זיך ליידער דערווייטערן איינער פונעם צווייטן כאטש זעקס פיס...

**וכאן הבן שואל:** וואס האט דא פאסירט? אמת, מיר זענען נישט די וואס קענען וויסן אדער פארשטיין, אבער אודאי זענען מיר יא פון די וואס דארפן זיך מתבונן זיין און עפעס ארויסלערנען פונעם יעצטיגן מצב. מיר דארפן זיך פרעגן, "מיט וואס קענען מיר זיך מחזק זיין און מתקן זיין אונזערע וועגן?"

~

## ר' מעכל, דער מצורע...

ר' מעכל איז א פריילעך אידל און מאכט פריילעך אנדערע. וואו ער גייט און שטייט, האט ער כסדר א קופקע פון מענטשן ארום זיך. ער איז שטענדיג פון די ראש המדברים און מיט זיין געשליפן צינגל, האט ער כסדר וואס צו פארקויפן, א מיינונג אויף דעם, א לשון הרע'לע אויף יענעם. מען דערוואגט זיך נישט אנצופאנגען מיט אים, ווייל קיינער וויל נישט זיין אין זיין טעגליכן שיעור.

אזוי גייט אדורך טאג נאך טאג. ער איז כסדר פארנומען טראגן און ברענגען נייעס'לער און קרישקעלער, פון דעם און צו יענעם. אלעס ווייסט ער און אלעס פארשטייט ער. ער האט די הייסטע נייעס-ווער עס האט שלום בית און ווער נישט, ווער פארטראגט זיך מיטן שותף און ווער נישט... ווער עס האט נאר געוואלט וויסן סיי וואס עס טוט זיך ביי יענעם, האט געוואוסט די ריכטיגע אדרעס...

ווען זיין רב האט אים פרובירט פארהאלטן איידלערהייט, "ר' מעכל, איר האט נישט מורא פון דעם זינד פון לשה"ר און רכילות?" האט ער געענטפערט שטאלצערהייט: "נאר וואס? איך זאל זיצן שטיל ווי א גולם? ווער וועט מיר אנקוקן? איך מוז דאך וויזן פארן עולם אז איך בין א זאך! איך האב וואס צו פארקויפן!"

---

[ג] הלכות טומאת צרעת פרק י הלכה טו

[ד] רמב"ם שם הלכה טז

**פלוצלינג!!!** איין שיינעם טאג.... נישט מער און נישט וויניגער, טאקע אונזער ר' מעכל אליין, דער איש המעש, דער מכובד'יגער אידל, באקומט א נגע! און... דער אידל איז מער נישט דא, איין וואך, צוויי וואכן, ער איז נישט צום געפונען...

ר' יצחק, א גוטע חבר זיינער, איינע פון די געשמאקע מיט-שמועסערס וואס פלעגט זיך אונטערהאלטן מיט ר' מעכל, זעהט איין טאג נאכן צווייטן אז דער איד איז מער נישט דא. ער פרעגט זיך נאך ביים עולם, "וואס האט פאסירט מיט ר' מעכל? וואו איז ער? איך האב שוין לאנג נישט געהערט קיין גוטע לשה"ר...". זאגט אים זיין חבר שמואל, "ר' יצחק! דו ווילסט זיך טרעפן מיט ר' מעכל? גיי בערך א שעה פון דא, אינדרויסן פון געגנט, דארט טיף אין די וועלדער ערגעץ פארשטעקט. זוך אים גוט אויף, וועסטו אים טרעפן דארטן זיצן!"

"אינטרעסאנט", טראכט ר' יצחק, "פארוואס האט ער מיר גארנישט געזאגט אז ער ציהט זיך ארויס פון געגענט? און פארוואס אזוי ווייט? ער איז דאך פון די סארט מענטשן וואס דארפן כסדר האבן חברים ארום זיך!"

ר' יצחק לויפט שנעל און כאפט א פערד און וואגן. ער מוז וויסן וואס דא גייט פאר, "וואס איז געשעהן מיט ר' מעכל? ווי איז ער?" ער פארט און פארט, ווען פלוצלינג הערט ער א קול וואס שרייט אים אנטקעגן "**דערנענטער זיך נישט צו מיר, גיי אוועק, איך בין טמא!**" "ווער איז דאס?" טראכט ר' יצחק צו זיך. ער פרובירט קוקן, איינמאל און נאכאמאל. ער זעהט עפעס א מאדנער פארשוין, באוואקסן מיט האר און אנגעטוהן מיט אלטע קליידער. "איז דאס א איד אדער א גוי? און פארוואס זיצט ער דארט? אפשר דארף ער הילף?" ר' יצחק שרייט באלד צוריק, "הרב פלוני, איר דארפט אפשר הילף??"

"ניין ניין!" שרייט דער קול. "ר' יצחק, טראג זיך אפ פון דא. דאס בין איך-מעכל! דו ווייסט פארוואס איך זיץ דא? דו ווייסט פארוואס איך קוק אזוי אויס? טאקע ווייל דו האסט מיר געגעבן הילף... איך וויל שוין מער נישט דיין הילף!! פארוואס האסטו מיר נישט שטיל געמאכט יעדעס מאל וואס איך האב גערעדט אויף איינעם? פארוואס האסטו מיטגעלאכט מיט מיר?? גיי אוועק, ווייל באלד וועסטו אויך ווערן טמא, איך וויל דיר נישט זעהן..."

**זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ...** (ויקרא יד, ב)

זאגט די גמרא: (ערכין טו:) וואס מיינט "זאת תהיה תורת המצורע"? זאגט ריש לקיש: דאס מיינט **זאת תהיה תורתו של מוציא שם רע**... דאס איז די תורה פון א מוציא שם רע... פאר וועמען האט מען דאס אלעס געטוהן? פאר איינער וואס איז געווען א מוציא שם רע, פאר איינער וואס האט גערעדט און בארעדט אנדערע...

פרעגט די גמרא... (שם טז:)

## מה נשתנה מצורע - שאמרה תורה בדד ישב מחוץ למחנה מושבו?

זאגט די גמרא: וויבאלד ער מיט זיינע רעדערייען און לשה"ר האט געמאכט אסאך פראבלעמען. פראבלעמען אין שלום בית: עס האט צוטיילט א מאן פון זיין פרוי. פראבלעמען ביי חברים: עס האט צוטיילט איין חבר פונעם צווייטן. דערפאר, האט די תורה געזאגט ביים אים, "זעץ דיך אויך אליין, אן דיין ווייב און אן דיינע חברים. שפיר אויך דעם גוטן טעם וואס מיינט זיין צוטיילט..."

**וְטָמֵא טָמֵא יִקְרָא**, זאגט דער חפץ חיים[ה]: פארוואס דארף ער יעצט שרייען פארן אלעם אז ער איז טמא? **תחת אשר מתחילה היה דרכו לגלות קלון חבירו בפני אנשים**, וויבאלד זיין מנהג פלעגט זיין צו מגלה זיין אנדערע מענטשן'ס שאנד, **לכן הוכרח עתה לגלות קלון עצמו בפני אנשים**, דארף ער יעצט אויך מגלה זיין, זיין אייגענע שאנד פאר אנדערע.

**וְצִוָּה הַכֹּהֵן וְלָקַח לַמִּטַּהֵר שְׁתֵּי צִפֳּרִים:** (יד' ד). **אמר רבי יהודה בן לוי מה נשתנה מצורע שאמרה תורה יביא שתי ציפרים לטהרתו?** (ערכין שם) פארוואס דארף נאר א מצורע ברענגען פייגלעך? אנדערש פון אלע אנדערע טומאות, ווי מען גייט אין מקוה, מען ברענגט א קרבן און מען איז טהור. קיינער דארף נישט ברענגען קיין פייגלעך!

ענטפערט די גמרא: היינו טעמא, דער אייבערשטער זאגט, "דו האסט געטוהן א מעשה פטיט, דו האסט געפלאפלעט און בארעדט דעם און יענעם. דערפאר, פאר דיין טהרה, דארפסטו אויך ברענגען פייגלעך וואס קוויטשקענען א גאנצן טאג, עס זאל דיר דערמאנען פארוואס דו ביסט געווארן א מצורע. און פון יעצט און ווייטער, זאלסטו אכטונג געבן אויף דיין דיבור..."

**און דאס איז דער ענין פון א מצורע...** מדה כנגד מדה! וויבאלד זיין גאנצע כח איז געווען פון רעדן און בארעדן אנדערע, דארף מען יעצט טוהן מיט אים אינגאנצן פארקערט.[ו]

ער דארף זיצן איינער אליין, אינגאנצן אינדרויסן און ווייט ווייט פון אנדערע מענטשן. ער מעג נישט רעדן מיט קיינעם אדער שטיין נעבן קיינעם, ביז ער וועט זיך אויסלערנען פונדאסניי, וואס מיינט **הזהרו בכבוד חבירים** און ווי אזוי מען פארברענגט מיט חברים אויף אן אויסגעהאלטענע וועג!!

## "די סדר הטהרה"

ווען מען לערנט אדורך די סדר פון די פסוקים, זעהט מען אז די מצורע איז נישט גלייך געווארן אינגאנצן טהור, אפי' נאכן באשפריצט ווערן מיט די גראזן. נאר...

זיין סדר הטהרה איז געגאנגען צוביסלעך-ווייז. קודם, האט ער זיך געטובל'ט און אפגעשוירן, וואס דאס האט אים מתיר געווען לבוא בקהל, ער האט געמעגט שוין זיין צווישן מענטשן, ער איז שוין נישט מטמא בביאה, אבער ער איז נאך אלץ מטמא במגע...

הערשט נאך גאנצע זיבן טעג, נאכן זיך טובל'ן און אפשערן א צווייטע מאל, דאן איז ער שוין גארנישט מטמא, אבער ער איז נאך אלץ א מחוסר כפרה.

---

[ה] בספרו שמירת הלשון חלק שני פרק ט"ז

[ו] ווי דער רמב"ם שרייבט (פ"ב מהלכות דעות הל' א וב') אויב וויל מען אויסארבעטן א מדה' דארף מען גיין לקצה האחר.

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פארבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

**ווען ווערט ער א בעל תשובה גמור?** הערשט נאכן באקומען די בלוט און שמן אויף זיין אויער, האנט און פיס.

(ואולי קען מען זאגן פשט) פארוואס איז דאס צוגעגאנגען אויף אזא אופן? וויבאלד מען האט אים געוואלט צוביסלעך-ווייז צוגעוואוינען צו זיין צווישן מענטשן. דערפאר, אפי' ווען ער האט שוין געמעגט אריינקומען אין מחנה ישראל, האט ער נאך אלץ געדארפט אכטונג געבן און ער האט נאך מטמא געווען אנדערע, ווייל קודם דארף ער זיך אויסלערנען ווי אזוי מען רעדט און מען באגייט זיך מיט מענטשן. הערשט נאכדעם, קען די טמא אראפגיין אינגאנצן.

דער לעצטער שטאפל פון זיין כפרה איז געווען דער בלוט און שמן אויף זיין אויער, האנט און פוס, אים צו לערנען: "ר' איד, נוצט אייער אויער נאר צו הערן גוטע זאכן, נוצט אייער האנט צו פארשטאפן די אויער מיט די קליינע שטיקעלע אויב הערסטו עפעס וואס דו דארפסט נישט, נוצט אייער פיס צו גיין נאר אויף גוטע פלעצער, ובמושב ליצים לא ישב, און... דאן ביסטו שוין נישט מטמא!

## דער עצה פונעם חפץ חיים, זצ"ל

ווי אזוי געבט מען אכטונג אויף שמירת הלשון און ווי אזוי קען מען דאס פאררעכטן?

זאגט דער חפץ חיים אין זיין ספר (שמירת הלשון שער התבונה פרק ג'): כללו של דבר הרוצה לזכות במדת שמירת הלשון, **יעשה להפך ממה שעושים בעלי הלשון**. די בעלי הלשון זוכן כסדר צו גיין מיט א קבוצה פון מענטשן, אפשר וועלן זיי הערן עפעס זאפטיגס אויף דעם און אויף יענעם, עפעס נייעס מיט וואס מען קען זיך אונטערהאלטן און פארקויפן פאר א צווייטן.

אזוי אויך, האבן די מענטשן כסדר ליב זיך נאכצופרעגן אויף נייעס וואס גייט פאר אין שטאט, ביי דעם אדער ביי יענעם. אזוי אויך, האבן זיי כסדר פון וואס צו רעדן און פארקויפן, ווייל נאך אלעס, קענען זיי דאך נישט זיצן שטיל אין-דער-זייט, זיי ווילן נישט אויסקוקן ווי א מעקעלע!

זאגט דער חפץ חיים: אויב ווילסטו באמת זיין פון די בעלי "שמירת" הלשון, **הייב אן בהדרגה, צוביסלעך, געוואוין זיך צו. קודם זאלסטו נישט שטיין ביי א קבוצה פון מענטשן. געוואוין זיך צו נישט צו פרעגן און זיך בעטן פאר נייעס. דערנאך גיי נאך אביסל ווייטער. געוואוין זיך צו צוביסלעך, נישט צו וועלן הערן די נייעס בכלל, ביז במשך פון די צייט, וועט דיר דער אייבערשטער העלפן אז דו וועסט קונה זיין די מדה פון "שמירת הלשון" בטבע**, ביז דו וועסט אנקומען צו די מדריגה אז ווען דו וועסט זעהן אן אנדערע מענטש עובר זיין אויף די איסור, וועסטו זיך ממש וואונדערן "ווי אזוי קען יענער רעדן לשה"ר..."

**ווען דו זיצט מיט א חבורה מענטשן, געדענק דעם מאמר החכם:**

**"ענדערש זאל מען דיר זאגן, "זאג עפעס... פארוואס ביסטו אזוי שטיל?!" ווי איידער מען זאל דיר זאגן, "גענוג. זיי שוין שטיל!"**

**(ווייל דו רעדסט צו סאך)**

# מוסר השכל

**ווי פאסיג איז די דאזיגע פרשה יעצט אין אונזער היינטיגע מצב בזמנינו האלה**, ווען יעדע משפחה זיצט שוין פאר עטליכע וואכן איינזאם אליין און אפגעזונדערט. און צוביסלעך-ווייז, לאזט מען אונז מער און מער ארויס אויפן גאס, אבער נאך אלץ מיטן מויל-צודעק...

צו טוט דאס אונז נישט ערוועקן און לערנען ווי אזוי מען דארף זיין געווארנט בכבוד חברים?! ווי אזוי מען דארף זיין געווארנט מיטן מויל לה"ר רכילות ומוציא שם רע!!

**חזר זיך איין דעם מאמר החכם: זיי נישט דער פארקויפער, ענדערש זיי דער באליבטער!** ווי דער מדרש שמואל טייטשט אויף די מימרא פון ר' שמעון: **כל ימי גדלתי בין החכמים ולא המדרש העיקר אלא המעשה**, אויב ווילסטו מיינען אז מען דארף רעדן כסדר מיט מענטשן און זוכן וואס צו פארציילן כדי מען זאל זיין באליבט, זאג איך דיר: **כי לא המדרש הוא העיקר אלא המעשה**, רעדן איז נישט דאס וואס מאכט מענטשן זאלן זיין גוט מיט דיר, נאר דיינע מעשים טוהן דאס, **מעשיו יקרבוהו ומעשיו ירחקוהו.** (מדרש שמואל אות פא')

**לאמיר זיך מקבל זיין:** יעצט אין די ימי הספירה, וואס דייקא דאס איז געווען דער סיבה פארוואס די טויזנטע תלמידי רבי עקובא זענען געשטארבן אזוי טראגיש, לאמיר זיך אונטערנעמען מחזק צו זיין אין דעם ענין, נזהר זיין בכבוד חברים ווי מער און אכטונג געבן דאס מויל. ומי שאמר לעולמו די, יאמר לצרותינו די...

**לאמיר טאקע זוכה זיין ביומא דהילולא פון הייליגן תנא ר' שמעון בר יוחאי, צו טאנצן אלע אינאיינעם, אנגעכאפט די הענט אין א גרויסע רינג...**

ווער וויל לעבן??

## דער מעדעצין וואס מאכט לעבן...

דערציילט די מדרש: **מעשה ברוכל אחד**. ר' ינאי איז געזעצן אויף זיין באלקאן און געהערט ווי א פעדלער רופט אויס, **"ווער וויל קויפן א מעדעצין וואס מאכט לעבן?"**

זאגט אים ר' ינאי, "ר' איד, קומט ארויף צו מיר, איך וויל קויפן!"... דער רוכל איז ארויף צו ר' ינאי, ער נעמט ארויס א ספר תהלים און ווייזט אים די פסוק (קאפיטל לד, יג-טו) **מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים**... ווער עס וויל לעבן, וואס זאל ער טוהן? **נְצֹר לְשׁוֹנְךָ מֵרָע וּשְׂפָתֶיךָ מִדַּבֵּר מִרְמָה. סוּר מֵרָע וַעֲשֵׂה טוֹב בַּקֵּשׁ שָׁלוֹם וְרָדְפֵהוּ**...

ר' ינאי איז שטארק נתפעל געווארן פון דעם רוכל און געזאגט: **כל ימי הייתי קורא הפסוק הזה ולא הייתי יודע היכן הוא פשוט**, איך האב שוין אזויפיל מאל געזאגט דעם פסוק אבער קיינמאל דאס נישט אזוי גוט פארשטאנען ביז דער רוכל איז דא געקומען, ער האט מיר דאס מסביר געווען פשוט פשט מיט א גוטן שפיצל. ענדיגט צו דער מדרש: **לפיכך משה מזהיר את ישראל ואומר להם "זאת תהיה תורת המְּצֹרָע" תורת המוציא שם רע. דערפאר, האט משה אליין דאס אויף געטוהן אין פ' מצורע, אויסגערופן און מזהיר געווען אויף לשה"ר, כדי דער עולם זאל האבן דעם רעצעפט פון לאנג לעבן.**